# א בריעף צו א גוטען פריינד.

1 דו דארפסט געדענקען, ליעבער, הארציגער פריינד, אז מיין ערשטער יודישער ראמאן סטעמפעניו איז ארויס אויף דער וועלט, איז צווישען מיינע חברים די שרייבער געווארען א שטיקעל גערודער; צוויי זאכען האבען זיי מיר בשום אופן נישט געוואלט מוחל זיין: דאס ערשטע האבען זיי מיך געפרעגט, ווי דער שטייגער איז ביי יודען: מה נשתנה? מיט וואס איז א יודישער ראמאן פערענדערט פון אלע ראמאנען אויף דער וועלט? איינער פון זיי, ווי עס ווייזט אויס א געלעהרטער, שרייבט מיר בזה הלשון: "כל זמן די פיזיאלאגיע האט אונז נאך ניט ערקלעהרט, אז דער יוד איז בעשאפען מיט איין אנדער הארץ, מיט איין אנדער מין בלוט, מיט אנ-דערע געהירען און מיט אנדערע נערווען, וועל איך נישט פערשטעהן, וואס הייסט א יודישער און וועלכעס הייסט נישט קיין יודישער ראמאן"... איך האב אפילו דארט, ביי סטעמפעניו'ן, אין מיין בריעף צום זיידען ר' מענדעלי שיחיה, דאכט מיר, אביסעל פערענטפערט די דאזיגע קשיא; נור, ווי עס ווייזט אויס, האבען די שרייבער יענע הקדמה פערזעהען, אדער זיי האבען אפשר גע-פונען, אז דער תירוץ איז קיין תירוץ נישט. א חדוש נפלא! אז דאס יודישע לעבען איז איין אנדער מין לעבען — דאס זענען זיי מודה אלע; פאר וואס-זשע זאל מען ניט וועלען פערשטעהן, אז דער ראמאן, אין וועלכען עס ווערד אפגעמאהלט דאס דאזיגע לעבען, מוז אויך האבען נאר איין אנדער פנים? פאר וואס זאל מען ניט וועלען פערשטעהן, אז יעדער ראמאן בעדארף האבען אין זיך זיין אייגענע מראה, זיין אייגענע פיזיאנאמיע, כדי מיר זאלען געפינען אין איהם איין אמת'ן אבשיין פונ'ם פאלק'ס לעבען, וואס ווערד אין איהם בעשריבען, מיט זיינע אייגענע כאראקטערען און מיט זיינע אייגענע טיפען?? ווי באלד די הויפטפארשוינען, אדער, ווי מע רופט זיי, די העלדען, וועלען זיין גענומען פונ'ם אמת'ן יודישען לעבען, וועלען זיי מוזען האבען זייער אייגענעם יודישען אפליק, וועט שוין דער ראמאן, דאס הייסט דאס "פערליעבעניש" ביי זיי קיילא אויסקומען יודיש. ווער עס האט זיך רעכט צוגעקוקט צו רחל'ען, אין מיין ערשטען ראמאן, מיט איהר ליעב האבען סטעמפעניו'ן, דער וועט מיר מודה זיין, אז אנדערש האט זיך יענער ראמאן נישט געקאנט און נישט געטאהרט אויס-לאזען; רחל'ע איז קודם כל א יודישע טאכטער, און ווי א יודישע טאכטער האט זי זיך באלד ארויסגעקוקט [?], אז זי איז איין אשת איש, א פערבונדענע מיט איהר מאנן אויף תמיד, וועלכען זי בעדארף ליעב האבען על פי דין...



דערפאר האט זי זיך אזואך [?] געטהון צוריק אויפ'ן רעכטען וועג און איז געבליבען די אייגענע רחל'ע, די אייגענע פרומע, זיטליכע, פיינע רחל'ע, וואס פריהער. — ווער עס וועט זיך צוקוקען צו אסתר'ן אין מיין צווייטען ראמאן, מיט איהר ליעב האבען יאסילע'ן, דער וועט אויך מודה זיין, אז אסתר איז קודם כל א יודישע טאכטער, און ווי א יודישע טאכטער האט זי מוחל געווען אויף איהר ראמאן, אויף איהר פערבארגענע ליעבשאפט צו יאסילע'ן, מיט וועלכען זי איז אויסגעוואקסען און אויפגעצויגען געווארען אינאיינעם פון קינדווייז אויף, און מחמת גרויס ארעמקייט, נעבעך, האט זי זיך צוליב איהרע אייגענע און געטרייעהע געלאזט פערקויפען פאר געלד, דאס הייסט, מע האט זי בעוואהרענט, נאר גליקליך געמאכט, פערזארגט דעם תכלית איהרען, ווי געוועהנליך ביי יודען...

עס איז גאנץ נייטיג צו בעמערקען, אז א יודישע טאכטער איז ניט גלייך צו אלע אנדערע פראווינציעלער אויף דער וועלט. אויפגעצויגען און אויפגע-וואקסען געווארען צווישען יודען, א פאלק, וואס דאס גאנצע לעבען זיינס איז צוליב גאט, צוליב דעם איינציגען גאט, וואס האט ליעב זיין טהייער קינד, דאס פאלק ישראל, — אויפגעוואקסען און אויפגעצויגען געווארען אויף אזא מין גלויבען, קאנען אונזערע שוועסטער נישט זיין גלייך צו אלע אנדערע, וואס לעבען א גוטען טאג און האבען חשק צו געניסען פון דער וועלט אלע פערגניגען. א יודישע טאכטער ווייסט, אז זי בעדארף ליעב האבען פריהער גאט, נאכדעם טאטע-מאמע, נאכדעם דעם מאנן און די קינדער, נישט צו מאכען דערפון קיין גאנצען מארעראס; ווייס איך — זאגט זיך א יוד מיט א איראניש שמייכעלע, אוועקמאכענדיג דעם גאנצען ענין מיט דער האנט — ווייס איך, גאט אייך א גרא-שען, א פערליאפעניש גאר, א בעז פערקאכעניש צו אלטע שווארצע יאהר — הכזונה יעשה את אחותנו?!... ביי אלע אנדערע פעלקער הייסט א העראינע אט אזעלכע, וואס קאן צוליב איהר תאוה, צוליב איהר קאפריז, צוליב איהר ליעב האבען עמיצען פערגעסען אלסדינג, וואס איהר איז ליעב און הייליג און טהייער, און זיך בעהעפטען אן יענעם, וואס איהר געפעלט, און אז מע לאזט זי נישט, איז זי גרייט זיך צו ווארפען אין פייער און אין וואסער. נישט אזוי איז אבער א יודישע העראינע; אדרבה, צוליב דעם, וואס איהר איז ליעב און הייליג און טהייער, קאן זי פערגעסען איהר תאוה, פערגעסען איהר קאפריז, פער-געסען איהר ליעב האבען עמיצען... אט אט דא ליגט דאס יודישע בריה'שאפט, דער יודישער העראיזם; אט דאס הייסט א יודישע העראינע. זיי זיכער, מיין ליבער פריינד, אז רחל'ע, זי מעג אויסגעהן נאך סטעמפעניו'ס טריט, וועט זי בלייבען א יודישע טאכטער, א יודיש ווייבעל, וואס איז אינ'ם מאנ'ס רשות; זי וועט זעהען צו פערגעסען ווי ווייט מעגליך אין די אלע נארישקייטען און וועט בלייבען איין איבערגעגעבען ווייב צו איהר מאנן און א געטרייע מוטער צו איהרע קינדער. זיי זיכער, אז אזא יודישע טאכטער, ווי אסתר איז,

וועט נישט לויפען צוליב יוסיל'ען זיך טרייבקען, הענגען אדער סמ'ען זיך: „עט־נו, ס'איז ניט הפקר א וועלט, א יודישע טאכטער טהוט דאס נישט'... מיט וואס — אזוי קלעהרט זי זיך אויפ'ן ערגסטען פאל, — מיט וואס בין איך מעהר פיינע־בריה פון אלע אנדערע מאזעפעווקער מאדלעך און ווייבלעך, וואס געהען ארויס פון איין רשות אינ'ם אנדערען?...' און אזוי טענה'נדיג מיט זיך אליין, פועלט זי ביי זיך און נימט אפ דעם גערעכט איטליכען בעזונדער; און אזוי טענה'נדיג מיט זיך אליין ווערד דאס פייער ביי איהר אויסגעלאשען ביסלעכווייז, זי צאנקט און צאנקט און געהט אויס ווי א ליכט, אדער זי ווערד שרעקליך אפגעקיהלט, ביט זיך איבער ביז גאר און ווערד א ווייבעל גלייך מיט אלע ווייבלעך, א יודענע גלייך מיט אלע יודענעס... אט ווי אזוי עס לאזט זיך אויס צום מיינסטען א יודיש פערליעבעניש; אט דאס הייסט נאך מיין מיינונג א יודישע הערואינע; און אט דערפאר הייסט ביי מיר דער ראמאן — א יודישער ראמאן.

דאס אנדערע, וואס מיינע חברים די שרייבער האבען נישט געקאנט איבערטראגען, איז אזא מין טענה: וואס האב איך זיך עפיס אנגעהאפט אין סטעמפעניו'ן? שוין־ושע האב איך נישט געקאנט אפזוכען אין מאזעפעווקע פאר רחל'ען קיין שאנערען העלד? אי־פע, א כלי־זמר גאר!" אזוי האבען זיי צו מיר געשריבען גאנץ ערענסט. דאס איינענע וועלען זיי מסתמא פרעגען אויף יוסיל'ען אויך: יוסילע? א משורר'ל?! א חזן?!! איך וואהלט אבער זיין א בעקן צו וויסען, וויפיל גרויסע מענשען, ארטיסטען, פאעטען, קינסטלער געפינען זיך אויף דער גרויסער וועלט, וואס קומען ארויס טאקי פון אט די כלי־זמר מיט אט די משורר'לעך? און וויפיל גרויסע מענשען, ארטיסטען, אמת'ע טאלאנטען זענען ביי אונז פערפאלען געווארען און געהען לאבוד נאך עד־היום?! אזא טאלאנט ווי סטעמפעניו וואהלט ביי לייטען אפשר געווען א גרויסער קינסטלער, ער וואהלט געהייסען „ארטיסט", „ווירטואז" וכדומה; און ביי אונז וואס איז ער? — א כלי־זמר!... דעסטגלייכען אזא געניע, אזא קינסטלער, מיט איין אמת'ער פאעטישער נשמה, ווי יוסילע סאלאוויי, וואהלט דאך ביי אנדערע געהאט כבוד אהן א שעור, עס וואהלט מיט איהם געקלינגען די וועלט, אויף די הענט וואהלט מען איהם ארומגעטראגען, ער וואהלט זיך דערשלאגען א צוועק אין דעם לעבען און וואהלט בלתי ספק געווען א גליקליכער מענש; און ביי אונז וואס איז ער? א משורר'ל, א חזן!... אזעלכע טאלאנטען ווי סטעמפעניו, ווי יוסילע וכדומה זענען ביי אונז דא לרוב, נאר זיי ליגען בעגראבען ערגעץ אין א העק, נישט צו אנקוקען די ליכטיגע וועלט; און אז עס האפט זיך שוין יא אמאל ארויס איינער פון צעהן טויזענד, וואס



בעוויזט זיך ארויס מיט זיין פייער, פערשטעהט איהם קיינער נישט ביי אונז; פיהלען פיהלט מען איהם, נאר פערשטעהן פערשטעהט איהם קיינער נישט! דעריבער איז זיין לעבען צום מיינסטען אזוי טרויעריג, זיין נסיעה אויף דער וועלט איז אזוי אינטערעסאנטע, אז ס'איז כדאי זיך מיט איהם צו בעקאנען פון דער נאהענט.

אמת, מע קאן ביי אונז, יודען, געפינען העלדען, וואס שטעהען פיעל העכער, למשל פון א סטעמפעניו'ן אדער פון א יוסילע סאלאוויי; ווער שמועסט די לעצטע צייט, זינט אונזער פאלק האט זיך אויפגעהאפט פון דעם לאנגען — לאנגען שלאף, זינט עס האבען אנגעהויבען ביים פאלק צו טראגען פערשיעדענע נאציאנאלע פונקען און יודען האבען אנגעהויבען ביסלעכווייז צו געוואהר ווערען אז זיי זענען יודען... אין אזא צייט איז גאר נישט מעגליך עס זאלען זיך צווישען אונז נישט געפינען קיין אמת'ע העראיען, וואס קאנען ארויסטרעטען און עפיס נוצען ברענגען, וואס לעבען נישט פאר זיך אליין, נור פאר'ן גאנצען פאלק; איך האב אבער דא אויך א בעזונדער כונה, ווי איך האב דיר שוין געזאגט וויפיל מאל.

איך שרייב מיינע ראמאנען צומיינסטען פאר'ן המון־עם, דאס הייסט פאר אזא מין עולם מענשען, וואס זענען נאך פרעמד פון הויכע געדאנקען, אדער ווי מע רופט דאס אן „אידעען"; פריהער, איידער מע זאל זיי פארשטעלען דורך איין ערצעהלונג הויכע אידעען, מוז מען זיי בעקאנט מאכען ביסלעכווייז מיט אלע מדרגות פון דעם לייטעריל, וועלכם פיהרט אונז גלייך אין יענעם וועלטעל, וואס ווערד אנגערופען „פאעזיע"; איינציגווייז בעדארף מען דערפיהרען פערביי זיי איינעם נאכ'ן אנדערע אזעלכע מינים פארשוינען, וואס אויפ'ן ערשטען קוק זענען זיי דאכט זיך פשוט'ע, גאר געוואהנליכע מענשלעך, נור אין תוך אריין, אז מע וויל זיך צו זיי רעכט צוקוקען, זעהט מען ערשט, אז זיי זענען ווי בעשאפען עפיס פון איין אנדער מין מאטעריע, אזעלכע וואס זייער נשמה איז מעהר דארטען, ערגעץ אין איין אנדער וועלט גאר, למשל: אין א וועלט פון נגינה, פון זיסע, זעלטענע קולות, הימעלשע געזאנגען וכדומה; און נאכדעם קאן מען שוין פארשטעלען אזעלכע הויכע נפשות, וואס זייערע מחשבות זענען פערטיעפט אין גאטליכע ענינים, וואס מיט זייער כח הדמיון בעשאפען זיי זיך איין אנדער איינען וועלטעל, וואס זייערע השגות זענען ניט אונזערע השגות, זייער פרייד איז ניט גלייך צו אונזער פרייד און זייערע צרות זענען צרות רבים — הכלל, אמת'ע העראיען. שרייבענדיג פאר'ן פאלק און רעדענדיג מיט איהם אויף זיין שפראך, מוז מען איהם געבען אזעלכע בילדער און פארשטעלען איהם אזעלכע פארשוינען, וואס זענען איהם גוט בעקאנט, דאס הייסט די העראיען בעדארפען זיין גענומען פון זיין ספערע, דאס הייסט פון זיין גראד, טאקי פונ'ם פאלק אליין. און ווער עס איז בעקאנט מיט אונזער פאלק, דער ווייסט אז העלדען געפינען זיך צווישען

אונזער המון - עס א סך מעהר, אלס ביי אונזער העברעען קלאס, וואס מע רופט דאס אן „אינטעליגענציע". נאר בכדי צו בעקאנט מאכען דעם פשוט'ען לעזער מיט דעם, וואס בעדייט „פאעזיע" און וואס עס ווערד אנגערופען ביי דער וועלט „העראי", טאהר מען נישט פליהען מיט א מאל צו הויך און לכתחלה פארשטעלען דעם עולם א ריזען-העלד, במהות דער עולם וועט נישט פערשטעהן און אונזער שרייבען וועט זיין ארויסגעווארפען. מע מוז געהן מיט'ן פאלק בהדרגה, נישט געהאפט, טריט ביי טריט, פון דער נידעריג אן ביז אלץ העכער און העכער. דאס פאלק בעדארף וויסען וואס פאר א כחות עס געפינען זיך ביי איהם, וואס פאר אנטיקלעך עס וואלגערען זיך צווישען איהם און געהען אין „גיוועטש", ווי מע זאגט. סטעמפעניו מעג זיין וואס ער וויל זיך, אבער מענש מעג ער זיין אפילו א כלי-זמר... נאר אלס ארטיסט האט ער א נשמה וועהר א הויכע, א בעגייסטערטע; אלס כלי-זמר איז ער צו-נ-א שדוך אודאי נישט אזא צאטצקע, נאר א קליינער יחוס ביי יודען, נאר פאר זיין שפיעלען אויפ'ן פידעלע וועט איהם איטליכער אפגעבען דאס חיות מיט דער נשמה. דאס איז די ערשטע און די גראבסטע מדרגה אין דער פאעזיע; ווער עס וועט לייענען מיין צווייטען יודישען ראמאן, דער וועט ארויסזעהען, אז דער צווייטער העלד מיינער, יאסעלע סאלאוויי שטעהט שוין פיעל העכער פון סטעמפעניו'ן אין א סך אופנים. און יענער דריטער העראי, דער אמת'ער פאעט, וואס איז נאך ביי מיר במחשבה פאר מיין דריטען יודישען ראמאן, בעדארף זיין, נאטירליך, א סך העכער פון יאסעלע'ן כהנה וכהנה. דערפון איז גרינג ארויסצוזעהען, אז שרייבענדיג מיינע ראמאנען, האב איך עפיס א מיין דרינגען; איך האב מיר פריהער אנגעצייכענט א וועג, אנגעגרייט א פלאן צו געהן אלץ ווייטער און ווייטער.

~~~~~~

נאך א שאלה האבען ביי מיר געפרעגט מיינע חברים די שרייבער: מאי קא משמע לן? וואס לאזט אונז דער מחבר הערען? וואס פאר א מוסר קאן מען זיך אפלערנען, מ'ז זיינטגעזאגט, פון א סטעמפעניו'ן, אדער פון א יאסעלע סאלאוויי מיט זייערע פערליעבענישען? א רעכטער שרייבער — זאגען זיי — בעדארף זיך עפיס ארויסשטעלען מיט אזא סחורה, עס זאל זיין אויף וואס א קוק צו טהון: א העלד — זאגען זיי — בעדארף זיין אזעלכער, וואס זאל אונז קאנען דיענען פאר א מוסטער מיט זיין כאראקטער, מיט זיין עהרליכקייט, עדעלקייט, נוצליכקייט א. ז. וו., א. ז. וו. ... די דאזיגע קריטיקער, ווי עס ווייזט אויס, נעהמען נאר פערעמד פונ'ם גאנצען ענין און ווייסען גישט, זיי זאלען מיר מוחל זיין, אז, בראשית, איז א ראמאן נישט קיין „מאמר", גישט קיין דרשה פון א מגיד אויף צו מוסר'ן דעם עולם; והשנית, א ראמאן בכלל מאכט זיך גיט פא א



זאקאזו, אז א שרייבער קלערט נישט אויס נישט קיין גוטע, גישט קיין שלעכטע העלדען. אמת, אין די אמאלדיגע ראמאנען פלעגען אונז די מחברים אויסקלעהרען העלדען: אדער נאר הויכע מענשען, כמעט מלאכים, אדער נאר נידעריגע, משונה ווילדע, כמעט שדים; דערצו פלעגען יענע מחברים, עליהם השלום, צוטראכטען פאנטאזיעס, וואס נישט געשטויגען, גישט געפלויגען און דאס האט דער עולם ליעב געהאט. נאר דאס איז אלץ געוועזען א מאל; היינט האט זיך אלסדינג איבערגעביטען אין דער וועלט — און אויך דאס שרייבען, דער ארט ראמאן איז שוין נישט דאס וואס אמאל. דער עולם פאדערט היינט, אז אלץ בעדארף זיין מיט א דרך הטבע; די מלאכים מיט די שדים האבען זיך אויסגעלאזט: מיר בעגעגענען זיך היינט אין דער וועלט מיט מענשען, מיט שלעכטע אדער גוטע — נאר מענשען. א היינטיגער ראמאן מוז אונז געבען נור דאס, וואס דאס לעבען גיט אונז; א שרייבער, א ראמאניסט אין איצטיגער צייט — דאס איז א קינסטלער, א מאהלער, וואס בעטראכט רעכט די וועלט און דאס לעבען פון אלע זייטען, און קאפירט פון דעם בילדער; א שרייבער, א ראמאניסט אין דער איצטיגער צייט — דאס איז א הודאזשניק, וואס מאהלט אונז ניט נור די אויסוועניגסטע צורה, דאס געשטאלט פונ'ם מענשען, נאר אויך אלע איננעוועניגסטע ווינקעלעך מיט אלע קנייטשעלעך פונ'ם מענשענס כאראקטער, מיט אלע אונזערע השגות און תאוות, מיט אונזערע פערגעניגען און יסורים, פרייד און לייד — אלס, וואס פילט אן אונזער פערטראכטע, פעראינטערעסירט לעבען אויף דער וועלט; יעדער טאג, יעדע שעה, וואס מיר לעבען איבער, איטליכע חכמה און איטליכס נארישקייט, וואס מיר טהוען אפ, האט פאר דעם שרייבער, דעם הודאזשניק, א גרויסע ווערטה; ער קלייבט צונויף די אלע קריינג-קייטען פון אונזער לעבען און שטעלט דאס נאכדעם צונויף און בעפוצט דאס, געוועהנליך, מיט אלערליי פארבען. ער פלייסט זיך, עס זאל האבען א גוף מיט א נשמה, עס זאל לעבען, ווי מע זאגט, רעדען ווערטער, און צוטראכטענדיג דערצו א פאנטאזיע, געוועהנליך, על פי דרך הטבע, נישט משוגענערהווייז, — מאכט ער פון דעם א גאנצען בנין. געוועהנליך, דארף א מחבר ניט הארעווען אויף א ווערק; ער בעדארף בשעת מעשה זיך אריבערטראגען איינגאנצען צו זיינע העלדען, וואס ער בעשרייבט, און גלייך מיט זיי איבערלעבען אלס, וואס ער בעשרייבט, וואס ער מאהלט אויס, גלייך ווי ער אליין וואלט זיך געפינען אויף זייער ארט; דער שרייבער בעדארף האלטען, ליעב האבען זיין ווערק, ווי א מוטער האט ליעב איהר קינד, וואס קאסט זי געזונד און בלוט. אט דעמאלט קאן דאס ווערק ערשט האבען א פנים פון לייטען, און נאר אזא ראמאן קאן זיין א ריכטיגער שפיגעל, וואו יעדער קאן געפינען דאס אבשיין פונ'ם אמת'ען לעבען, פונ'ם בעקאנטען, גוט בעקאנטען לעבען, פון פערשיעדענע מינים, טיפען, פון אלערליי מענשען מיט אלע זייערע מעלות
~~~~~~

און הַפְּרוֹנוֹת — **און דאס אַליין איז שוין פאר אונז דער בעסטער סוּסר.**

אַצינד זענען שוין פערענטוועט, דאכט מיר, אַלע קשיות; עס בלייבט נור איבער איין שאלה: צו האָב איך אין מיינע ראמאנען אויסגעפאָלגט די אַלע כללים, וואס איך רעכען דאָ אוים? איך פערלאז מיך שוין מיט דעם אויפ'ן משפט פון מיינע קריטיקער און אויף דעם מבינות פון מיינע אַלע לעזער. —

## שלום עליכם.

קיעוו, 26 דעצעמבער, 1889.

---

ג.) וויסענשאַפטליכ

היסטארישע, פובליציסטישע און אַנדערע אר